# לקט שיחות קודש בעניני חג הפסח שנשמעו
# מפי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א במשך כמה שנים

## בענין קצירת החיטים למצות מצוה

בעת הקצירה יום ג' פרשת חוקת תשע"ד לפ"ק

בעת הקצירה זכו קבוצה מיוחדת מבחורי ישיבתינו הק' – אלו שהכניסו **לרבינו שליט"א** 'שעות צעטיל' אחר ימי בין הזמנים העעל"ט – להתלוות **לרבינו שליט"א** ולהיות נטפל לעושי מצוה בעת עבודת הקצירה.

כאשר הגיע **רבינו שליט"א** למקום שדות החיטה, הראה הר"ר **יצחק יעקב כייעם** הי"ו (ב"פ, מתלמידי ישיבת סאמבאטהעלי, ומומחה גדול לעניני קצירת חטים) איזה שדה טוב והגון ליקצר למצות מצוה מהודרים. **רבינו שליט"א** בדק את מדת הליחות בהחיטים, ופנה לבחורי הישיבה באמרו שזה כבר יותר מחמישים שנה שזוכה להיות נוכח בעת קצירת החיטים, מאז ימי בחרותו שהיה מגיע בקאר אחד יחד עם אביו זצוק"ל, ואתו עמו **כ"ק הגה"צ מפאפא זצוק"ל** שהגיע לקצור חיטים לצרכו וליתן הכשר לבית המאפה שלו. ובימי קדם היתה עבודת הקצירה הזאת מעבודות קשות, למצוא השדות כתיקונם, והשמירה המעולה הצריכה לזה, ובלי כלי הטעלפון והטעכנאלאגיע לדעת מצב השדות וירידת הגשמים עליו, ושעות על גבי שעות ישבו הרבנים עד שמצאו חיטים מהודרים למצות מצוה.

והמשיך **רבינו שליט"א** ביסודות ההלכה בקצירת חיטים, שצריך שיהיו החיטים משומרים מדבר המחמיץ, ומהגשמים היורדים עליו כשאינו צריך לקרקע, ובדברים המסתעפים מדברי השו"ע והפוסקים, שצריכים להזהר בעת הקצירה.

***__וזה תוכן השיחה:__***

עס איז דא פינף מינים, חטה (ווייץ), שעורה (גערשטען), כוסמין (ספעל"ט), שיבלת שועל (אוט"ס), שיפון (ריי"א). די ווייץ אזוי ווי עס איז יעצט, איז פסח'דיג. עס וואקסט פון די ערד, און אפילו עס איז געקומען דערויף וואסער, ווערט עס נישט קיין חמץ, ווייל א זאך וואס איז מחובר צו די ערד, ווערט נישט חמץ. יעצט אז מען האט עס אראפגעשניטן, פון יעצט אן, אויב עס וועט קומען דערויף וואסער, ווערט עס חמץ. דאס איז שמירה, אז מען דארף אפהיטן די ווייץ, פון ווען מען האט עס אראפגענומען פון פעלד, אז עס זאל נישט צוקומען דערצו א נאסקייט (עיין בשו"ע סימן תס"ז סעיף ה' ובנו"כ).

מען דארף וויסען ווען צו שניידען, ווייל מען קען עס נישט אראפנעמען צו פרי, ווייל עס איז נאכנישט רייף. פון די צווייטע זייט, אויב מען לאזט עס אויפן פעלד נאכדעם וואס עס איז שוין געווארן געצייטיגט אינגאנצן, איז אפילו עס איז נאך אויפן פעלד קען עס אויך ווערן חמץ. אויב עס קומט א רעגן, אדער אפילו נאר טוי (טל), קען עס ווערן נחמץ, ווייל עס איז געקומען דערויף א פאכטיגקייט. מוז מען עס אראפנעמען אין אזא צייט, וואס עס איז נאכנישט געווארן אינגאנצן רייף, און אפילו עס האט גערעגנט, האט עס די רעגן נישט קאליע געמאכט, און יעצט ווען מען נעמט עס אראפ, קען מען עס אוועקלייגען פאר פסח.

און דאס איז די דין ודברים וואס איז דא צווישן די מצה בעקערי'ס, ווען עס איז די צייט וואס מען דארף שניידן. צו מען דארף שניידן פריער, אדער מיט א טאג שפעטער, אדער דריי טאג שפעטער, אדער פינף טאג שפעטער. אלץ איז די שאלה, ווייל טאמער מען ווארט צו לאנג און עס איז געבליבן אויפן פעלד, און עס קומט דערויף א רעגן, ווערט עס נחמץ. און דאס איז וואס מען דינגט זיך וויפיל עס איז די שיעור דערפון, אז עס הייסט שוין 'אינו צריך לקרקע', אז עס דארף שוין נישט האבען די ערד, און פון יעצט קען עס שוין ווערן חמץ. איינער האט געהאלטן אז עס איז גאנץ פרי, און איינער האט געהאלטן אז עס איז שפעטער אביסל. אויף דעם איז די דין ודברים (עיין **בשו"ת אבני נזר** סימן תקכ"ט, **ובמשנה ברורה** סימן תס"ז סקי"ז בשם **החיי אדם**).

מיר שניידן מיט די הענט. נארמאל שניידט מען מיט א מאשין. מען פארט אדורך דעם פעלד מיט א מאשין, און ווען די ווייץ קומט אריין אינעם מאשין, טוט עס די מאשין תיכף צוקלאפן, און פון איין זייט קומט ארויס די ווייץ, און פון די אנדערע זייט ווערט ארויסגעבלאזן די שאלאכטץ. נאכדעם לייגט מען אוועק די ווייץ אין א מאגאזין, און פאר פסח טוט מען עס מאלן, און מען מאכט דערפון

מעהל. א טייל טוען עס תיכף מאלן, און א טייל טוען עס שפעטער מאלן.
די מאשין קען נישט שניידן, נאר ווען די ווייץ איז שוין מער אויסגעטריקנט. ווייל ווען די ווייץ זענען נאך נישט רייף, און עס איז נאך פייכט, וועט זיך נישט אזוי גוט אראפנעמען די שאלאכטץ פון די ווייץ. קומט אויס, אז דער פארמער קען נישט שניידן גאנץ פרי, נאר ער מוז ווארטען ביז די ווייץ ווערט אינגאנצן אויסגעטריקנט, כדי די מאשין זאל עס קענען שניידן. אויך מוז עס זיין אינגאנצן אויסגעטריקנט, ווייל אזוי ווי עס ווערט גלייך אפגעשיילט, און מען מאכט דערפון א הויפען פון ווייץ, און אויב עס האט אין זיך עפעס נאסקייט, און עס איז נישט דא קיין לופט, ווערט עס פארשימעלט.
איז ממילא דא אין אמעריקא אזוי ווי מען שניידט אלעס מיט מאשינען, און עס איז נישט אזוי ווי עס איז געווען אינדערהיים, האבען די בעקערי'ס געשניטן שפעטער, ווייל מען קען נישט שניידן צו פרי, ווייל די ווייץ וועט פארשימעלט ווערן. אבער אונז וואס מיר שניידען אן מאשינען, און מען לאזט עס אזוי מיט די זאנגען צוזאמען, און עס טריקענט זיך פאר זיך, און עס ליגט נישט איינס אויפן אנדערן, איז אפילו ווען די ווייץ זענען פייכט, און עס האט זיך נאכנישט געהעריג אויסגעטריקענט, איז נישט געפערליך, ווייל עס טריקענט זיך נאכדעם, ווען מען לייגט עס אויף א פלאץ ווי עס טריקענט זיך, ממילא קען מען שניידען פריער אויך. אבער די בעקערי'ס שניידען אביסל שפעטער, ווייל זיי מוזן האבען מער צייט, אז די ווייץ זאל זיך אויסטריקענען. דאס איז אין כלליות די ענין פון שניידען ווייץ.
ווען די ווייץ פאנגט אן צו וואקסען איז עס גרין, און די מעהל אינווייניג איז נאס אזוי ווי מילך, און אז מען געבט א דרוק אויף די ווייץ, שפריצט ארויס די מעהל וואס איז אזוי ווי וואסער. און ווי מער עס ווערט געצייטיגט, ווערט עס מער אויסגעטריקענט, און עס ווערט טריקענע מעהל.
נאכדעם איז דא פעלדער וואס עס איז דא דערין קנאבעל. עס וואקסט אין די זייט ווילדע קנאבעל. און מען דארף אכט געבן, בשעת מען שניידט די ווייץ, אז עס זאל נישט אריינגיין אינווייניג קיין קנאבעל, ווייל קנאבעל האט אין זיך א שארפקייט, עס איז א דבר חריף, און עס ווערט נישט בטל בשישים (עיין **בשו"ת בית אפרים** או"ח סימן מ'). און אז מען טוט עס נאכדעם מאלען, און עס ווערט צוקוועטשט, איז דא די לחות פונעם קנאבעל. ממילא געבט מען אכט, אז עס זאל נישט זיין קיין קנאבעל אין די פעלדער (עיין **בשו"ת חתם סופר** או"ח סימן קכ"ו, **ובשו"ת דברי חיים** ח"ב או"ח סימן ל"ח). דער **צאנזער רב** האט מחמיר געווען, אז א פעלד וואס מען האט שוין געטראפן קנאבעל באקומט די ערד א תערובת פון קנאבעל, און עס איז דא א שארפקייט אויך אין די ווייץ (עיין **בשו"ת דברי יציב** או"ח סימן קצ"ז אות ח', ובספר **דרכי חיים** במדור העובדות אות ס"ט, בשם **הגה"צ מבארדיוב זצ"ל**). געווענליך איז די קנאבעל נאר אין די זייט פון די פעלד, און עס וואקסט נישט אינווייניג.
טאמער די ווייץ איז שוין געווען צו לאנג אויפן פעלד, הייבט עס אן צו ווערן מצומחות, אדער מבוקעות. יעדעס ווייץ האט א שפאלט אויף איין זייט, און ווען עס פאנגט אן זיך צו יעהרען, באקומט עס א שפאלט אויך אויף די אנדערע זייט, וואס דאס הייסט מבוקעות. אויך הייבט אן ארויס צושפראצן דערפון ביים עק, און עס עפענט זיך, און דאס ווערט אנגערופן מצומחות. און מען פארלאזט זיך אז עס ווערט בטל בשישים (כן הוא בשו"ע סימן תנ"ג סעיף ג' ברמ"א). פאר פסח איז יעדער מודה, אז חמץ ווערט בטל בשישים. די בעקערי'ס קלויבען נישט די ווייץ נאכען שניידען, ווייל זיי שניידען טויזענטער ווייצלער, מען קוקט נאר קודם אדורך א חלק צו עס איז גוט. און וואס עס איז נישט גוט, לייגט מען אינדערזייט. און מען ציילט אפ וויפיל עס איז גוט, און וויפיל עס איז נישט גוט, און מען קוקט צו עס איז דא שישים אקעגן דעם.
בדרך כלל האט מען נישט געשניטן, נאר אויב עס איז געווען פיר אדער פינף מאל שישים. ווייל אפילו ווען פון איין זייט פעלד איז געווען שישים, קען זיין אז אינמיטן פעלד איז נישט דא קיין שישים. אבער אז עס איז דא פיר אדער פינף מאל שישים, ווייסט מען אז אפילו אויף א צווייטע פלאץ וועט על כל פנים זיין שישים (עיין **בשו"ת מהרש"ם** ח"ב סימן ד' שכתב להקל בב' פעמים שישים, וכעין זה כתוב **בשו"ת חתם סופר** או"ח סימן קל"ו. **ובשו"ת שמן המאור** סימן ק"א כתב, דנוהגים שלא להתיר רק כשיש ד' וה' פעמים שישים). איז ממילא טוען די בעקערי'ס קודם

אדורך קוקען דעם פעלד, ווייל זיי שניידען שפעטער, קומט אויס אז עס איז שוין דא צווישן די ווייצלעך אזעלכע וואס זענען שוין מצומחות, און מען פארלאזט זיך נאר אויף שישים. און די וואס האבען זיך נישט געוואלט פארלאזען אויף ביטול בשישים, פלעגן צו קלויבען די ווייץ פאר פסח, און מען איז אדורך געגאנגען די ווייצלעך, און וואס עס איז נישט גוט געווען, האט מען אוועק געווארפען (וההידור בזה הוא גם לענין החשש שהחיטים המחומצים חוזר וניעור בפסח, עיין **בשו"ת ערוגת הבושם** או"ח סוף סימן ק"ל, **ובמהרש"ם** בהגהותיו לספר **ארחות חיים** סימן תנ"ג, **וביד יהודה** סימן ק"ט סק"א).

די וואס שניידען אין אריזאנע זאגען, אז אזוי ווי דארט רעגנט נישט, איז דארט נישט דא די שאלה פון מבוקעות און מצומחות, ווייל עס קומט נישט צו קיין וואסער, פון ווען עס איז געווארן געצייטיגט (ומרויחים בזה גם דעת הפוסקים שאף שיש שישים נגד המצומחות, מכל מקום חסר בדין שימור לשם מצות מצוה, וראויים רק לשאר ימי החג. עיין **בשו"ת שואל ומשיב** מהדו"ק ח"ג סימן פ"ז, **ובשו"ת מהר"ש ענגיל** ח"ה סימן צ"א. - וכן כשקוצרים בעוד שהחיטים ודאי צריכין לקרקע, שאז אין נמצא בהם מצומחות, גם כן יש בהם הידורים הנ"ל).

## עוד בענין קצירת חיטים למצות מצוה

### יום ב' פרשת בהעלותך תשע"ו לפ"ק

עם סיום הקצירה שח **רבינו שליט"א** עם חבורת אברכי כולל באבוב בב"פ, אשר זה עתה עוסקים בלימוד הל' פסח, והגיעו לראות ולעסוק בעבודת קצירת חטים למצות מצוה.

**וזה תוכן השיחה:**

**רבינו:** אמאל האט גענומען צוויי דריי וואכען ווילאנג מען האט געשניטען די ווייץ, און מען האט געדארפט אכט געבן אז די ווייץ זאלן נישט ווערן חמץ, מען האט עס צוגעדעקט. בדרך כלל האט מען פרי געשניטען, עס האט גענומען צייט ביז מען האט עס געדראשן, און מען האט עס געווינד-שאווועלט. עס האט גענומען צוויי דריי וואכען פון ווען מען האט עס אפגעשניטען פון פעלד, ביז מען האט עס אריינגעטראגען אין מאגאזין. היינט געשעט עס אין א שעה, דער קאמביין שניידט עס אפ, און עס נעמט תיכף ארויס די שאלאכטץ, און עס ווערט תיכף אוועקגעלייגט אין א מאגאזין. און אויב די ווייץ איז נאכנישט אויסגעטריקנט אינגאנצן, הייבט עס אן צו שימלען. ווען עס האט נישט קיין לופט, ווערט עס פארשימעלט. מען קען נישט היינט אנהייבען צו שניידען ביז די לעצטע מינוט, ווען עס איז גוט טריקן.

צווייטענס, ווי לאנג עס איז ווייער אזוי ווי יעצט, ווען די מאשין הייבט אן צו שניידען, קען ער נישט אפטיילען די ווייץ פון די שאלאכטץ, ווייל עס איז ווייער, און עס ווערט צוקוועטשט. מוז ערווארטען ביז עס ווערט גענוג הארט, אז מען קען עס צוברעכן, דעמאלטס קען די מאשין עס צוקלאפן און עס בלייבט איבער נאר די ווייץ. און וויבאלד אונז האב מיר היינט נישט קיין ברירה, מען נוצט די מאשינען ווייל מען שניידט אסאך, וועגן דעם איז ארויפגעקומען די פראבלעם, אז מען שניידט צו שפעט.

**א' האברכים:** ווילאנג נעמט פאר די מאשין צו שניידען אזא פעלד?

**רבינו:** איין טאג. און איין טאג ליגט עס שוין אין מאגאזין.

**א' האברכים:** וואס איז געווען דער חשבון פון די רבנים, ווען מען האט אנגעהויבן צו שניידען מיט א מאשין.

**רבינו:** ווען מען איז אנגעקומען קיין אמעריקא האט מען גארנישט געקענט טון. עס איז נישט געווען עפעס אנדערש. די פארמערס האבן געטון א טובה אז זיי האבן פארקויפט די ווייץ, און מען האט געדארפט האבן ווייץ, האט מען גארנישט געקענט טון.

**א' האברכים:** מען האט זיך פארלאזט אויפן **מעיל צדקה**? (עיין **בשערי תשובה** סימן תס"ז ס"ק י"ב).

**רבינו:** בדרך כלל איז מען אדורכגעגאנגען דאס פעלד, און מען האט געקוקט אז עס זאל זיין אפאר מאל ששים.

**א' האברכים:** אבער עס האט געקענט רעגענען אויך.

**רבינו:** איז עס געווארן מצומח, האט מען געהאט א פאר מאל שישים קעגן דעם. מען איז געגאנגען פון איין פעלד צום צווייטען, און מען האט אראפגעשניטען, און מען האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש באקוקען, און יעדע מצומח האט מען געלייגט אינדערזייט, און מען האט געזען אז עס זאל זיין דריי פיר מאל שישים אקעגן די מצומחים.

דאס מיינט, אז פון צוויי הונדערט פערציג ווייצלעך, זאל מען נישט האבן מער פון פיר מצומחים. און דעמאלטס האט מען געשניטען דעם פעלד.

**א' האברכים:** אינדערהיים האט מען אויך געציילט פיר פינף מאל שישים?

**רבינו:** אינדערהיים איז געווען נאכמער וויכטיג צו ציילן, ווייל מען האט געקויפט די ווייץ אויף די גאס, מען איז נישט געגאנגען שניידען. שמירה משעת קצירה איז געווען נאר ביי א פאר געציילטע יודען.

**א' האברכים:** פארוואס טאקע האבן זיי נישט גענומען שמירה משעת קצירה?

**רבינו:** ווייל מען האט נישט געקענט. עס איז נישט געווען אזוי פעלדער מיט פאבריק'ן, און די קהלות האבן נישט געבאקען. נאר אין א גרויסע שטאט ווי פעסט, האט מען געבאקען מצות פאר די שטאט.

**א' האברכים:** אבער די ערליכע יודען, די רבי'ס.

**רבינו:** זיי האבן יעדער איינער געשניטען פאר זיך, און ער האט אהיימגעטראגען וויפיל ער האט געדארפט. אבער רוב מענטשען האבן געקויפט ווייץ אינדרויסן, האט מען געמוזט ציילען. ווי אזוי האט ער געוואוסט וואס פארא ווייצלעך ער האט געקויפט, אפשר איז עס חמץ'דיגע ווייץ. און עס איז געווען יארן וואס מען האט זיך טאקע געמוטשעט. מען קוקט נאך אין די פוסקים, מען האט געפרעגט א שאלה, איך האב אפגעציילט די ווייץ און איך האב געטראפן ווייניג, אדער פארשימעלט, און מצומח, קען מען זיך יא פארלאזן, אדער נישט פארלאזן.

**א' האברכים:** יעצט גייט מען אויך קוקען?

**רבינו:** יעצט איז נישטא אזוי וואס צו קוקען, ווייל עס האט נאכנישט געהאט גענוג צייט אז עס זאל ווערן מצומח. אויב ער איז נאך צריך לקרקע, ווערט ער נישט חמץ. יעצט האט נישט גערעגנט.

**א' האברכים:** וואס איז דער פשוטער תירוץ אויף די קשיא, אז אויב א חלק איז מצומח, הייסט עס אז עס איז געווען רעגן, און אויב עס איז דא רעגן, איז דאך די הלכה אז אפילו עס איז נישט מצומח איז עס אסור (על פי שו"ע סימן תס"ז סעיף ב').

**רבינו:** דאס האט מען נישט אנגענומען. אויף דעם האט מען זיך פארלאזט אז עס גוט (עיין **בשו"ת דברי חיים** (סימן ל"ט) דאס בעת הקצירה החטים עדיין צריכין לקרקע אין חשש על החטים שאינם מצומחים. וע"ע **בשו"ת מהר"ם שיק** (או"ח סימן רי"ז).

**א' האברכים:** ווי גרין דארף עס זיין, אז עס זאל זיין זיכער גוט.

**רבינו:** ווייסט מען דען. אז מען זעהט אז עס איז צריך לקרקע. גרין איז צריך לקרקע.

**א' האברכים:** דער **ערוך השלחן** (סימן תס"ז סעיף כ') מאכט א פראבלעם, אז צו גרין טויג אויך נישט. וואס מיינט ער?

**רבינו:** אז אויב עס איז נאכנישט געוואקסען גענוג, עס איז נאך האלב אדער שליש, איז עס נאך פייכט, און עס קען שנעלער ווערן חמץ, אויב מען גיט נישט געהעריג אכט דערויף.

**א' האברכים:** פון ווי נעמט זיך דאס וואס אין אסאך פלעצער באקוקט מען די מאוסטשע"ר, אז עס זאל זיין ביי נאמבער צוועלף אדער דרייצן.

**רבינו:** ווייל דער גוי לאזט נישט שניידן נאר ווען דער מאוסטשע"ר איז אים גענוג ווייניג, אז עס זאל נישט ווערן פארשימעלט. זיין מאשין וועט עס נישט שניידען, עס וועט אים קאליע מאכן די ווייץ. דער גוי האט נישט געלאזט שניידען זיין פעלד, ביז ער האט נישט געוואוסט אז די מאוסטשע"ר איז גוט. וואס וועט ער טון, ער וועט עס אפשניידען און ער וועט עס אריינלייגען אין מאגאזין, און נאכדעם וועט מען אים זאגען, אז די ווייץ איז געווארן פארשימעלט.

**א' האברכים:** עס איז דא וואס זאגן, אז אויב עס האט נאך א מאוסטשע"ר איז א סימן אז עס איז נאכנישט פארטיג אינגאנצן.

**רבינו:** אויף דעם דינגט מען זיך. אין אנדערע ווערטער איז דער פשט אזוי. ווילאנג עס איז צריך לקרקע, ווערט עס נישט חמץ. ווען הייסט אז עס איז צריך לקרקע, ביז וויפיל איז צריך לקרקע. פשוט האט מען געלערנט, אז אויב מען זעהט אז די קרקע טוט נאך אויף עפעס אויף די ווייץ, איז עס צריך לקרקע. אז ער איז נאך גרין, און ער גייט ווערן געל, איז ער נאך צריך לקרקע. די מחמירים האבן אבער געלערנט, אז די אגריקאלטשע"ר דיפארטמענ"ט זאגט, אז יעצט גיט שוין די פעלד גארנישט צו צום ווייץ. איי עס ווערט געל, א באנאנע ווערט אויך געל. ווען מען וועט אראפשניידען יעצט די ווייץ פונעם פעלד, איז ער אינו צריך לקרקע, די קרקע טוט שוין גארנישט

אויף פאר אים יעצט. די מקילים האבן געטענ'ט, ווער זאגט אז זייער צריך לקרקע איז אזוי ווי אונזער צריך לקרקע, אפשר איז יא דא עפעס א כח אין די ערד, ביז א פרי איז נישט אינגאנצן פארטיג, און עס איז יא צריך לקרקע.

**א' האברכים:** די לשון פונעם **רשב"א** (בשו"ע סימן תס"ז סעיף ה') איז, אז נאר ווען עס איז נתייבשו לגמרי קען עס ווערן חמץ.

**רבינו:** אויף דעם דינגט מען זיך, וואס עס הייסט לגמרי.

*

**רבינו** (אחר שהביאו לפניו כמה בצלים שמצאו בשולי השדה): אז מען זוכט טרעפט מען.

**א' האברכים:** עס וואקסט צוזאמען מיט די ווייץ?

**רבינו:** עס וואקסט ביי די עקן פון די פעלד.

**א' האברכים:** וואס איז די פראבלעם דערפון?

**רבינו:** טאמער עס גייט אריין צוזאמען מיט די ווייץ, סיי עס קען נאס מאכן די ווייץ, ווען מען צוקוועטשט עס. און נאכדעם, עס בלייבט דאך א שטיק קנאבל, און ווען מען לייגט עס אריין צוזאמען מיט די מעל און וואסער, האט מען אינווייניג א דבר חריף, וואס איז ממהר להחמיץ.

**א' האברכים:** עס האט א דין ווי מי פירות?

**רבינו:** עס איז ערגער פון מי פירות, ווייל עס איז א דבר חריף.

**א' האברכים:** ווען דער קאמביין שניידט עס, און ער דרעשט עס, קען עס מאכן א פראבלעם.

**רבינו:** עס ווערט נאס די פאר ווייצלעך וואס איז ארום דעם. די פראבלעם איז, אויב מען צומאלט עס צוזאמען, און עס בליבט צוזאמען מיט די מעל, און א דבר חריף ווערט נישט בטל.

**א' האברכים:** קומט אויס, אז ביי יעדע קאמביין איז דא דער חשש, אז עס איז דא אינווייניג צוויבל.

**רבינו:** יא.

**א' האברכים:** און דאס איז די אויפטו אז מען קלויבט די ווייץ.

**רבינו:** איינע פון די אויפטוען.

מען זאגט נאך אז דער **צאנזער רב** האט געהאלטן אז ווען מען טרעפט א שטיקל צוויבל טאר מען נישט שניידען די גאנצע פעלד, ווייל עס גיט אריין א חריפות אין די גאנצע פעלד (עיין **בשו"ת דברי יציב** או"ח סימן קצ"ז אות ח', ובספר **דרכי חיים** במדור העובדות אות ס"ט, בשם **הגה"צ מבארדיוב זצ"ל**).

**וסיים רבינו:** ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, מען קען נאך עסן פון די ווייץ צוזאמען מיטן קרבן פסח. עס איז נאכנישט מוכשר לקבל טומאה, עס איז נאכנישט געקומען וואסער דערויף. מען קען עס אוועקלייגען פאר ערב פסח מצות.

## הכנות לחג הפסח

**בשיחה עם כ"ק הגה"צ גאב"ד ירושלים שליט"א**

ערב חנוכה תשע"ד לפ"ק

**רבינו:** איך האב געהערט דערציילען, אז דער **אמרי חיים** איז געווען אין די ערשטערע יארן אין אמעריקא אין אנהייב די יו"ד יארן, און דער עולם האט זיך דעמאלטס אנגעהויבן מסדר צו זיין. און ער איז געווען אויף פסח אין וויליאמסבורג. און א טאג צוויי פאר פסח, איז ער אדורך געפארן ליע עווניו, און ער האט געזען ווי אזוי די גאסען זענען פיל מיט מאמעס און קינדער, און מען גייט ארום איינקויפן, און ער האט געהאט א געוואלדיגע הנאה, צו זען ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן נאכן חורבן צו אנטוויקלען. אז ער האט געזאגט פארן דרייווער, אז ער זאל נאכאמאל אריבערפארן די גאס, ווייל ער האט א תענוג עס צו זען. דא איז אויך א תענוג צו זעהן, ווי אזוי די שוקי ירושלים זענען אנגעפילט. מען קומט און מען קויפט.

## בענין קניית קיטל וטלית חדש

**בשיחה עם כ"ק האדמו"ר ממונקאטש שליט"א**

**ובנו הרה"ג רבי חיים אלעזר שליט"א ר"י מונקאטש**

(בניחום אבלים אצל משפחת מרת פערלשטיין ע"ה)

יום ג' פרשת נצבים תשע"ה לפ"ק

**האדמו"ר ממונקאטש:** דער זיידע רבי משה פערלשטיין האט סוף ימיו געוואוינט אין מונקאטש, און ער האט געהאנדל'ט מיט מינק האר. ער האט אמאל געוואלט קויפן פארן **מנחת אלעזר** א טיליפ, עס איז שוין געווען אלט און זייער צוריסן, און דער **מנחת אלעזר** האט געזאגט, עה, ער האט געמאכט א חשבון וויפיל ימים טובים און שבתים ער איז אלץ געגאנגען אין די טיליפ, און ער האט שוין געטון מיט דעם אזויפיל מצוות, און יעצט וויל מען קויפן א נייע, ער איז שוין אויף די

עלטערע יארן, ער האט נישט קיין כח אויסצוארבעטן א נייע טליפ.

**רבינו:** עס איז געווען אזעלכע וואס האבען נישט געטוישט א טלית וועגן דעם.

**האדמו"ר ממונקאטש:** א טלית איז מער מקובל אזוי, אבער א טליפ איז שוין א דבר של חידוש.

**ר"י מונקאטש:** ביי א טלית ברענגען זיי די רש"י (ב"ק ט:) אז עס איז דא אויף דעם הידור מצוה. זה אלי ואנוהו (שמות ו-ב), טלית נאה, ציצית נאה. פונעם **חתם סופר** (חידושי **חתם סופר** סוכה לו.) שטייט, אז די פלעקען פונעם טאפען איז א הידור מצוה.

**האדמו"ר ממונקאטש:** די וועלט האט עס אנגענומען להלכה. דער **מנחת אלעזר** האט אויך אזוי געטוהן למעשה, ער האט דעם ערשטען טאג געמאכט א ברכה אויפן אתרוג, און נאכדעם איז קהל אדורכגעגאנגען, וויניג יודען לפי חשבון האבען געהאט אייגענע אתרוגים, און דעם צווייטען טאג איז עס שוין געווען פיל מיט קאלירן, אבער ער האט דעם צווייטען טאג גענומען דעם אתרוג און געמאכט אויף דעם די ברכה, כאטש ער האט געהאט נאך א אתרוג ביי זיך וואס איז געווען שענער, דאס אליין אז אידן האבן געמאכט דערויף א ברכה, דאס איז געווען דער הידור מצוה.

**רבינו:** עס איז דא וואס האבען נישט אויסגעוואשן דעם טלית, כאטש עס איז געווען פארפלעקט.

**האדמו"ר ממונקאטש:** דאס זעלבע איז מיטן פסח'דיגען קיטל. מען האט עס נישט געלאזט אויסוואשן אויף ראש השנה.

**ר"י מונקאטש:** דארט איז דער טעם כדי ער זאל האבען א לימוד זכות, און א זכרון, מזכיר צו זיין די מצוות פון פסח.

**רבינו:** מען ברענגט צו אויפן פסוק (שמות יג-ד) היום אתם יוצאים בחודש האביב, אז היום גייט ארויף אויף ראש השנה (זוהר ח"ג רלא.), אתם יוצאים בחודש האביב, מיט די מצוות פון פסח.

**האדמו"ר ממונקאטש:** מען דערמאנט טאקע נישט ביים קיטל, אז עס איז זה א-לי ואנוהו, נאר וועגן די זכותים, אז עס איז פארפלעקט פון די וויין פון די מצוה פון ד' כוסות, מעין פון דעם אז ביי א ברית ראש השנה זאל זיין דם על השפתים (עיין בטורי זהב או"ח סימן תקפ"ד סק"ב).

עס איז געווען וואס האבען מהדר געווען צו לייגען אן עטרה אויפן קיטל, און די טעם איז, ווייל בעצם מיט א קיטל גייט מען נאך די הונדערט און צוואנציג יאר, טוט מען עס אן, כדי מען זאל זיך דערמאנען און מעורר זיין צו טון די מצוות. אבער די שאלה איז פסח ביינאכט זאגט מען דאך הלל, לא המתים יהללו י-ה, איז דאך פארקערט, דארף מען דאך נישט דערמאנען יעצט דעם טעם פון אנטוהן א קיטל, וועגן דעם לייגט מען אן עטרה, אז עס זאל נישט זיין אינגאנצן נאר די טעם פון בגדיו של מת. (עיין **בטורי זהב** סימן תע"ב סק"ג, ובסימן תר"י סעיף ד', ובגליוננו פרשת ויצא תשע"ה בשיחה עם **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**).

דאס וואס מען גייט מיט אן עטרה פון כסף, דאס האט אן ענין אלץ נכסוף נכספתי, עס ווייזט אויף השתוקקות און געגועים צום באשעפער. כסף איז אויך רחמים, און זהב איז דינים (עיין **במטה אפרים** סימן תר"י סעיף י"א).

## חומרות באכילת מאכלים בחג הפסח

בביקור אצל הרב **בערל שטראססער** שליט"א

יום ג' דחוה"מ פסח תשע"ו לפ"ק

**הר"ר בערל:** מען קען מכבד זיין מיט א גלעזל היימישע וויין?

**רבינו:** פסח מישט מען זיך נישט. עס שטייט פונעם **בעלזער רב זי"ע**, אז ביי אלע ימים טובים שטייט אין די תורה אז מען זאל זיך פרייען צוזאמען, אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך והלוי והגר וכו' (דברים טז), אויסער ביי פסח שטייט נישט, ווייל פסח מישט מען זיך נישט.

**הר"ר בערל:** אין די משנה (זבחים ה-ח) שטייט, הפסח 'אינו נאכל' אלא בלילה, 'ואינו נאכל' אל עד חצות, 'ואינו נאכל' וכו', פסח עסט מען נישט...

**רבינו:** ביי מיין טאטע'ן אינדערהיים האט מען נישט אריינגעברענגט אין שטוב קיין שום מאכל, אויסער צוקער און זאלץ. מען האט געגעסן נאר וואס מען האט געמאכט אין שטוב. היינט קען מען שוין באקומען אין די געשעפטן באלד מער פון א גאנץ יאר. עס טאר גארנישט פעלן.

**א' מהנוכחים:** עס איז א שאלה על פי הלכה, אזוי ווי מען האט גע'אסר'ט קטניות און בונדלעך, ווייל עס זעהט אויס ווי ווייץ, די אלע מאכלים זעהן אויך אויס ווי די חמץ'דיגע מאכלים.

**רבינו:** אין **שו"ת ערוגת הבושם** (או"ח סימן קכ"ד) איז דא א תשובה וועגן סטארט"ש, אז עס קוקט אויס

אזוי ווי מעהל, און עס טוט אויך די פעולה פון מעהל.

**הר"ר בערל:** די וועלט זאגט, אז אויב עס וואלט געווען קארטאפל אין די צייטן פון די גאונים, וואלט מען עס אויך גע'אסר'ט, אזוי ווי קטניות.

**רבינו:** עס איז דא פוסקים וואס זענען דן צו קארטאפל איז כמהין ופטריות, צו נישט. וויבאלד עס קומט ארויס פון ערד, אבער פון די צווייטע זייט, וואקסט עס נישט פון די לופט, עס וואקסט געהעריג. א טייל האבן וועגן דעם געמאכט דערויף די ברכה פון שהכל. דער **צעהלימער רב** האט א תשובה דערויף אין **מגדלות מרקחים** (או"ח סימן י"ח), און ער זאגט פשוט, אז אזוי ווי עס איז דא א מחלוקת זאל מען מאכען א שהכל.

**הר"ר בערל:** מיין טאטע פלעגט צו נוצן נאר שמאלץ, און ווען דער **צעהלימער רב** האט אנגעהויבן צו געבן א הכשר אויף אויל, אויך אויף פסח, האט ער געזאגט פאר מיין טאטע, אלעס וואס איך געב א הכשר, עס איך אויך אליין. איך עס פון בוטשער סטאר די זעלבע פלייש וואס עטץ קויפטס, איך שחט מיר נישט אליין. ער איז יעדע וואך געווען באקוקען ווי אזוי מען שחט, און ווי אזוי מען זאלצט. און זייט איך געב א הכשר אויף אויל, נוץ איך אליין אויך אויל אין פסח.

**רבינו:** ער האט אויפגעשטעלט די מאכלות כשרות דא אין אמעריקא, די מילך וכדומה.

**הר"ר בערל:** איך בין אמאל געווען מיטן **צעהלימער רב** ביי א בר מצוה, און ער האט גארנישט געגעסן ביי די בר מצוה, און ווען מען האט אים געברענגט וויין, האט ער געקוקט וואס פאר א הכשר עס האט, און טאמער עס איז נישט געווען זיין הכשר, האט ער נישט געטרונקען.

**רבינו:** ער פלעגט אנקומען אין פארם ווי מען האט געמאכט די מילך, אינמיטן די נאכט, און ווען עס האט געשנייט.

## בענין מכירת חמץ

בסעודת הברית של בן הר"ר **ישעי' פריעדמאן** הי"ו

יום ג' פרשת שופטים תשע"ו לפ"ק.

**מען** האט א נאמען געגעבן נפתלי, נאכן זיידען רבי נפתלי פרענקל, ער איז באמת געווען א חשובער יוד, איך האב אים געקענט פון די נאנט. **מיין טאטע זכרונו לברכה** פלעגט נישט קויפן קיין חמץ צווישן פסח און שבועות, נאר וואס מען האט פארקויפט ביי אים. און רבי נפתלי פלעגט צו פארקויפן די חמץ פון זיין גראסערי ביי מיין טאטן ז"ל, און כאטש מיין טאטע ז"ל האט פארקויפט פאר אנדערע געשעפטן אויך, האט ער נאך פסח נאר געקויפט ביי רבי נפתלי. ווייל די הלכה איז, ווען מען פארקויפט פאר איינעם זיין הויז, מיט אלע זאכען וואס ליגט אינוויינינג, איז די מכירה נישט א מכירה, עס איז א אסמכתא. יענער ווייסט נישט אין וואס ער גייט אריין. ער ווייסט נישט צו די הויז איז פיל מיט זילבער און גאלד, אדער עס איז פול מיט ליידיגקייט, ממילא איז עס נישט א מכירה. א מענטש מוז האבן סמיכת דעת, כדי עס זאל חל זיין א קנין (עיין שו"ע חו"מ סימן רט).

**עס** איז דא א שמועס איז די פוסקים (עיין **ביאור הלכה** סימן תמ"ח ד"ה בדבר מועט), וואס איז ווען איינער זאגט, איך פארקויף דיר מיין גאנצע חמץ, צו די מכירה העלפט. דער גוי ווייסט נישט וואס ער האט אפגעקויפט, וואס איז טייטש אז איך האב אפגעקויפט די גאנצע חמץ, איך האב געקויפט חמץ פאר די ווערט פון איין דאלער, צו פון איין מיליאן דאלער. עס איז דא פוסקים וואס האלטן, אז ווען מען פארקויפט חמץ, איז עס אזוי ווי א געהעריגער מקח, און מען דארף ארויסשרייבן פונקטליך וואס מען פארקויפט. אזויפיל מעהל, און אזויפיל בונדלער, און אזויפיל צוקער, און אזויפיל זאלץ. די וועלט איז מקיל דערויף, ווייל בדרך כלל ווען א מענטש פארקויפט דעם חמץ, ווייסט מען וואס א מענטש האט אינדערהיים. א נארמאלער מענטש, ווען איינער זאגט אים, איך פארקויף דיר די גאנצע חמץ וואס איז דא ביי מיר אין שטוב, וואלט ער משער געווען בערך וואס ער האט אפגעקויפט. אבער ווען א געשעפט פארקויפט, ווייסט מען שוין נישט וויפיל עס איז דא אינעם געשעפט. איז עס א קליינער געשעפט, אדער א גרויסער געשעפט. איינער האט מער סחורה און איינער האט ווייניגער סחורה. איז בדרך כלל האט מיין טאטע מקפיד געווען, ווען ער האט פארקויפט פאר געשעפטן, אז מען זאל כאטש אויסרעכענען אינעם שטר מכירה אלע מינים וואס מען האט.

**ווען** רבי נפתלי ז"ל האט פארקויפט די חמץ, האט ער נישט נאר אויסגערעכנט אלע מינים וואס ער האט, נאר פון יעדע זאך וויפיל שטיקלעך ער האט. אזויפיל באקסעס קארן פלעקס, און אזויפיל רייז קריספ, און אזויפיל מעהל. און טאמער האט ער נאך די מכירה פארקויפט פאר א אנדערן, האט ער אריינגערופן צו מיין טאטע, אז מען זאל טוישן, ווייל דא און דא איז געווארן ווייניגער. ער האט ארויסגעשריבן ממש אזוי פיל וויפיל ער האט פארקויפט. דער טאטע האט עס זייער מחשיב געווען, און נאך פסח האט ער געקויפט די חמץ'דיגע זאכן נאר ביי אים.

## מצות והגדת לבנך בסיפור יציאת מצרים

**בביקור אצל כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**

יום ב' דחוה"מ פסח תשע"ה לפ"ק

**גאב"ד סערדאהעלי:** א חשוב'ער רב האט מיר אמאל פארציילט, אז ער איז געווען א מחותן מיט א רבי'ן. דער רבי האט געהאט א זון וואס האט געוואוינט אין ענגלאנד, און ער האט געהאט א זון, וואס איז געווען זיין איידעם, וואס האט געוואוינט דאהי. דער מנהג איז, אז דעם ערשטן יאר נאך די חתונה גייט מען צום שווער אויף פסח. און דער רבי האט געזאגט, איך האב נישט קיין אנדערן זון דא, און דו האסט קינדער, איך וויל אז ער זאל זיין ביי מיר. און עס איז געווען א דין ודברים צווישן זיי, צו ער דארף מוותר זיין דערויף. - אויב דער מנהג איז, אז מען גייט צום שווער, זאל ער באצאלן א טיקעט פאר זיין זון, אז ער זאל קומען פון ענגלאנד.

**רבינו:** וואס איז דער צד אז ער זאל נישט דארפן גיין צום טאטען. ער איז דאך א מסייע לדבר מצוה, ווען ער גייט.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ער קען טון די מצוה אזוי אויך. ווען ער נעמט איינעם פון די גאס און ער פארציילט אים יציאת מצרים, איז ער אויך מקיים די מצוה. א זון איז נאר א פרט אין די מצוה.

**רבינו:** דער פרט איז דאך אויך א מצוה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ווען ער האט נאר איין זון, איז ער אים מחוייב צו געבן א טיקעט אז ער זאל קומען אהער צו פארען? זיכער נישט. נאר דא קען ער גרינג קומען צו מיר. קיינער וועט זיך נישט לאזען קאסטען געלט דערפאר, עס איז נישט א חלק פון די חיוב פון די מצוה, עס איז נאר א פרט אין די מצוה.

**רבינו:** און פארוואס פאר א פרט אין די מצוה, איז ער נישט מחוייב זיך צו לאזען קאסטען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** ווען דער זון איז שוין גרעסער, און ער קען שוין אליין, איז נישט דא א חיוב אים צו פארציילען, עס איז נאר ווי שני תלמידי חכמים שואלין זה לזה.

**רבינו:** אפשר פאר בנך איז אייביג דא א מצוה (עיין בספר **ולמען תספר** (שער הלכה סימן ב' אות י) מה שהביא דעת הפוסקים בזה).

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז געווען ביי א טייל רבי'ס אז די גרויסע קינדער האבען נישט געפרעגט מה נשתנה, נאר די קליינע קינדער. קען זיין אז די ענין פון שאלה ותשובה איז מען זיכער יוצא נאר מיט איינעם, אז עס איז געשען א שאלה מיט א תשובה, אבער די תשובה מוז יא זיין צו אלע קינדער. עס קען זיין, אבער עס איז נישט מסתבר. - איך געדענק נישט וואס עס איז געווען הלכה למעשה, ווער עס האט אויסגעפירט.

**רבינו:** די שאלה איז ביי איינעם וואס האט נאר א בן יחיד וואס ער טוט.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דארף מען אים פרעגן צו ער וואלט אויך געווען מוכן צו צאלען פאר אים א טיקעט, אז ער זאל קומען פון ארץ ישראל, ווייל ער איז א בן יחיד.

**א' מהנוכחים:** ער האט מסתמא געוואלט אז ער זאל זיין ביידע סדרים, ווייל אויב נישט וואלט ער זיך געקענט איינטיילען, איין סדר דא און איין סדר דא.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די צווייטע נאכט איז שוין מיט א מדרגה שוואכער.

## כמה מנהגים בליל הסדר

**בביקור אצל כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**

יום ב' דחוה"מ פסח תשע"ה לפ"ק

**רבינו:** ווילאנג האלט מען די סימנים אויף די קערה? נאר ביז די סעודה?!

**גאב"ד סערדאהעלי:** בפשטות. מען עסט דאך אויף די מצה מיט די מרור, אויף דעם איז דאך עס געמאכט געווארן. די צדיקים וואס האבען נישט

אנגערירט פון די זאכען, אויף די קען מען זאגען, אז אפשר זאל עס בלייבען די גאנצע צייט.

**רבינו:** וואס איז די ענין אז זיי האבען זיך אזוי געפירט, בפשטות האט מען דאך עס געברענגט כדי צו עסן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז נישט צו פארשטיין. אבער על פי סוד איז אויך דא ענינים דערין.

**בנו הרה"ג רבי אשר אנשיל:** די גאנצע ענין פונעם קערה על פי סוד איז דאך אויך נאר מיט די מצות, אבער נאכן עסן די מצות איז שוין נישט דא אן ענין על פי סוד.

**גאב"ד סערדאהעלי:** די כרפס עסט מען דאך אויף.

**הגרא"א:** דער זיידע (**הגה"צ מסאמבאטהעלי זצ"ל**) האט איבערגעלאזט א שטיקל כרפס אויף די קערה.

**רבינו:** ער האט גהאט מערערע שטיקלעך, און ער האט אויסגעחשבונ'ט אז עס זאל איבערבלייבען א שטיקעל אויף די קערה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** דער טאטע האט אויפגעגעסן די גאנצע איי, נאר ביי די כרפס האט ער צוריקגעלייגט.

**רבינו:** איך האב געזען אין די הגדה פן **רבי הערשעלע ספינקער זצ"ל**, אז ווען ער האט געגעסן די ביצה, האט ער צוריקגעלייגט א שטיקל פון די ביצה אויף די קערה. זעהט אויס אז פון אלעם איז געבליבען עפעס. און דאס איז שוין געווען ביי שלחן עורך.

**גאב"ד סערדאהעלי:** אין בעלזא האט מען נישט צוגערירט צו די קערה. אין בעלזא איז אויך דא א דבר חידוש, אז מען האט געלייגט די סימנים אונטער די מצות.

**רבינו:** פונעם **מונקאטשער רב זצ"ל** איז דא א לאנגע שמועס דערויף. על פי סוד קומט אזוי, אז די מצות זאלן זיין אויבן.

**גאב"ד סערדאהעלי:** לא שמענו אז מען זאל נאך ערגעץ אזוי טון.

**רבינו:** דער **מונקאטשער רב** האט א בירור, פארוואס מען טוט נישט אזוי (עיין **בשו"ת מנחת אלעזר** ח"ה סימן ט"ז).

**גאב"ד סערדאהעלי:** איך האב געזען פון איינע פון די צדיקים, אז נאכן עסן די מרור האט ער צוטיילט די חרוסת פאר גאנצן עולם, און מען האט געגעסן חרוסת. רבי אלעזר בן רבי צדוק לערנט דאך אז מצוה בחרוסת (פסחים קיד.), שיירי מצוה האט אויך א חשיבות.

**רבינו:** **רבי הערשעלע [מספינקא]** האט אויך אזוי געטון, ער האט געטיילט פארן עולם חרוסת. און ער פלעגט צו זאגען, רבי אלעזר בן רבי צדוק אומר מצוה בחרוסת.

**גאב"ד סערדאהעלי:** מען פסקנ'ט דאך נישט ווי רבי אלעזר בן רבי צדוק, דער **ברעזשאנער רב** זאגט (**דעת תורה** הל' טריפות סימן ל"ה סק"י), אז מען זאל נישט זאגען סעודת רבי חידקא (שבת קיז:), ווייל עס איז נישט אפגעפסקנ'ט אזוי.

*

**הגרא"א:** דער זיידע פלעגט זיך אראפלייגען ביי שלחן עורך.

**רבינו:** ער פלעגט איינשלאפען. ער פלעגט האבען זייער א שווערע ערב פסח. ער האט אליין געבאקען די מצות די ערשטערע יארן, און ער האט אינזין געהאט די גאנצע חבורה. פון חצות ביז יום טוב, איז ער געווען פארנומען מיט די מצות.

**הגרא"א:** דעמאלטס האט ער נאכנישט געבאקען אין סאטמאר?

**רבינו:** ניין, ער האט אליין געמאכט א חבורה, אין תורה ודעת אויף סאוט דריי. ער האט אלעס אליין אינזין געהאט. נייע שטענגלעך, און וועלגער העלצער, און האלץ צו הייצען.

**גאב"ד סערדאהעלי:** עס איז כמעט נישט געווען (רבנים שהתעסקו בעצמם בכל סדר קצירת החיטים וכו'), דער **פאפא רב זצ"ל** אפילו נאכדעם וואס ער האט שוין געעפענט די בעקריי, איז ער נישט ארויסגעפארען שניידען עקסטער פאר זיך. דער טאטע איז געווען דער איינציגער וואס איז ארויסגעפארען שניידען, און אוועקגעגעבן דערויף א טאג אדער מער, און נאכדעם האט ער עס אליין געשלעפט אויפן דאך, און ער האט עס אויסגעשפרייט צו טרוקענען, און געזעצן דארט, קיינער האט גארנישט געוואוסט דערפון.

**רבינו:** אסאך מאל האט מען געדארפט נעכטיגען דארט ביים שניידען אין א האטעל.

**הגרא"א:** אויב מען איז אנגעקומען און מען האט געזען אז עס האט גערעגענט?

**רבינו:** ניין, ביז מען געענדיגט איז שוין געווען שפעט, און ער האט נישט געהאט ווי אזוי אהיימצופארען. א טעקסי האט מען נישט געקענט נעמען, ווייל עס איז נישט געווען. ער פלעגט פארען מיט די בעקריי, ווען זיי האבען געשניטען, און זיי האבען דארט גענעכטיגט ווייל זיי האבען געוואלט אראנדזשירען, און אויב זיי זענען נישט צוריקגעקומען האט מען נישט געהאט מיט וואס צוריקצוקומען, און מען האט געמוזט בלייבען דארט נעכטיגען. אז מען האט געענדיגט פריער, האט מען געקענט נעמען די שאר"ט ליי"ן באס און צוריקקומען. - ער האט מחבב געווען מצות.

**גאב"ד סערדאהעלי:** חבל על דאבדין.

## עניית אמן באמצע אכילת כזית מצה

בביקור אצל **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א**

א' דחוה"מ פסח תשע"ד לפ"ק

**הגרח"א מאנדלאוויטש** (חתן הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א): איך האב געהערט דעם יום טוב א שאלה, אויב איינער הערט א צווייטען זאגען די ברכה פון המוציא בשעת ער עסט די כזית מצה, וואס טוט ער וועגן ענפערן אמן? ער האט דאך געמאכט די ברכה על אכילת מצה, און אכילה איז דאך נאר ביי א כזית, און ווילאנג ער האט נישט געגעסן א כזית האט ער נישט מקיים געווען די מצוה, און די אמן איז א הפסק צווישן די ברכה און די קיום המצוה.

**רבינו:** ביי בדיקת חמץ האט ער אויך נישט געענדיגט די מצוה ביז ער איז נישט בודק אינגאנצן. עס קען אבער זיין, אז דארט איז ער מקיים די מצוה תיכף ווען ער איז בודק די ערשטע פלאץ, און יעדע פלאץ איז א נייע חיוב.

**גאב"ד סערדאהעלי:** לויט די וואס לערנען אז מען דארף אראפשלינגען די גאנצע כזית אויף איין מאל, קומט אויס, אז ווילאנג ער הייבט נישט אן אראפצושלינגען, האט ער נאכנישט אנגעהויבען צו טון די מצוה.

**רבינו:** עס איז דא א שמועס דערויף ביי עשה דוחה לא תעשה. תוספות (קידושין לז: ד"ה אקרוב) פרעגט, אז מען זאל קענען עסן א מצה פון חדש, און איך זאל זאגען אז די עשה פון מצה זאל דוחה זיין די לא תעשה פון חדש. און מען פרעגט (עיין **בשו"ת בן פורת** ח"א סימן ו') פארוואס זאג איך נישט, אז ווען ער האט אנגעהויבען צו עסן, און ער האט אראפגעשלינגען דעם ערשטען שטיקל, האט ער שוין עובר געווען אויף די איסור פון חדש, אלץ חצי שיעור. און די מצוה איז ער ערשט מקיים נאכן עסן די כזית. און וואס איז די קשיא אז איך זאל זאגען עשה דוחה לא תעשה.

**גאב"ד סערדאהעלי:** פון דעם ברענגט מען א ראיה, אז א הכשר מצוה איז אויך דוחה א לא תעשה.

**רבינו:** און אויב איך האלט אז א הכשר מצוה איז נישט דוחה?

שטייט אין **ספר גבורות ה'** (מהמהר"ל מפראג פרק מ"ח) אז אפילו מען איז נישט גומר די מצוה נאר ווען מען עסט א כזית, אבער דו קענסט נישט עסן דעם כזית, ביז דו שלינגסט נישט אראפ די גאנצע, ביזטו מקיים די מצוה די גאנצע צייט. אזוי ווי ביי מילה, וואס די הלכה איז (שבת קלז:) מל ולא פרע כאילו לא מל, און פון דעסטוועגן דאך מעג מען מל'ן אין שבת, אלץ עשה דוחה לא תעשה, ווייל דאס איז די מצוה. זיי מל, און נאכדעם זיי פורע. די זעלבע זאך איז אויך ביי אכילת מצה. די מצוה איז, שלינג אראפ איין שטיקל און נאך א שטיקל, ביז די וועסט אראפשלינגען דעם גאנצן כזית. עס איז דא א התחלה פון די מצוה ביים ערשטען שלינג אויך (עיין **באמרי בינה** דיני פסח סימן כ"ג, **ובליקוטי הערות לשו"ת חתם סופר** או"ח סימן קכ"ז אות כ"ד **ובויגד משה** פרק כ"ד אות ל"ב).

**גאב"ד סערדאהעלי:** אבער עס קען זיין אז די נוסח הברכה איז 'על אכילת מצה', טאר מען נישט אויסרעדען, ביז ער טוט נישט די לשון, וואס ער האט געזאגט ביי די ברכה.

## ביאת אליהו הנביא בליל הסדר וגודל מעלת עבודת ה' באמונה

בביקור אצל מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**

יום א' פרשת וישב תשע"ה לפ"ק

**רבינו:** מען זאגט נאך פונעם **בעלזער רב** (מרן מהרי"ד זי"ע), אז פסח ביים סדר האט אים א אייניקל אמאל געפרעגט, זיידע, האסט געזען אליהו הנביא ביי שפוך חמתך? האט דער **בעלזער רב** געזאגט, 'גלייבן איז מער ווי זעהן'.

**האדמו"ר מויזניץ:** מיין שוואגער, **רבי יוסף באבאד שליט"א** (דומ"ץ בעלזא לאנדאן), האט געמאכט א

ברית פאר א אייניקל א טאג צוויי פאר פסח, האט איינער געזאגט ביי די סעודה פונעם ברית, אז דער **רב ז"ל** האט אמאל געזאגט, אז מען בעהט פסח ביינאכט, כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו. דאס איז עס?! ווען עס וועט קומען לעתיד לבוא אין בית המקדש, זאל עס זיין אזוי ווי מיין סדר זעהט אויס?! האט ער געטייטשט מיט דעם געדאנק. אז עס שטייט אין מדרש (שמו"ר כג-ה) אויפן פסוק (שיר ד-ח) תשורי מראש אמנה, אז ביי די גבול צווישן ארץ ישראל און חוץ לארץ איז דא א בארג וואס הייסט 'אמנה', און ווען יודען וועלן ארויסגיין פון גלות, און זיי וועלן אנקומען צו דעם בארג, וועלן זיי דארט זאגען שירה. האט דער בעלזער רב געזאגט, אז היינט אין גלות גלייבט מען אין שכר ועונש און אין ביאת המשיח, אבער ווען משיח וועט קומען וועט מען נישט דארפן גלייבען, ווייל מען וועט זעהן די שכר ועונש מיט די אויגן. און בשעת יודן וועלן דעמאלטס ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און זיי וועלן צוריקקוקען אויף די אמונה וואס זיי האבען געהאט אין גלות, וועלן זיי זאגען שירה, און זיי וועלן זיך בענקן צו די אמונה וואס זיי האבען געהאט אין חוץ לארץ, און היינט איז מער נישט דא קיין אמונה, ווייל זיי זעהן עס מיט די אויגן. זאגט מען 'כאשר זכינו לסדר אותו', מען האט געבעטן אז לשנה הבאה זאל מען זיין בני חורין, מען בענקט זיך אויפן קרבן פסח, מען בענקט זיך אויף די אלע מצות, 'כן נזכה לעשותו', בשעת מעשה איז שוין נישט די זעלבע זאך.

## בענין יו"ט שני כשדעתו לחזור

בניחום אבלים אצל הר"ר יעקב פעקעטע הי"ו

יום ד' פרשת אחרי תשע"ד

**הר"ר יעקב:** איינער האט מיר פארציילט, אז ווען דער אמרי חיים איז דא געווען אויף פסח, האט מיין זיידע (**הגה"צ אב"ד נאנאש זצ"ל**) גערופן אלע זיינע קינדער און איידימער צו עסן ביי אים אויף שבת, און נאך די סעודה איז ער גלייך געגאנגען צום טיש פונעם סאטמארער רב זי"ע, ווייל ער האט געוויסט, אז עס וועט גיין א גרויסע עולם צום טיש פונעם אמרי חיים, און ער האט נישט געוואלט אז די רבי זאל פילן אז עס פעלן מענטשען.

**רבינו:** דער אמרי חיים האט דעמאלטס געהאלטן צוויי טעג פסח.

**א' מהמנחמים** (שהגיע מא"י): פאר מיר האט דער ירושלים'ער רב געפסק'נט, אז איך זאל האלטען איין טאג.

**רבינו:** עס האט זיך היינט געטוישט די מציאות פון וואס עס איז געווען אמאל. אמאל ווען א מענטש איז געקומען פון ארץ ישראל קיין אמעריקא, איז געווען קריעת ים סוף צוריקצופארן. און עס איז געווען מער נוטה אז ער בלייבט דא, ווי ער זאל צוריקפארן. היינט פארט מען קיין ארץ ישראל, כמעט אזוי ווי מען פארט קיין בארא פארק.

**הר"ר יעקב:** די וועלט זאגט, אז דער טשימפער רב האט געפרעגט דעם אמרי חיים, וואס ווילט איר? האט ער אים געזאגט, אז ער וויל האלטן צוויי טעג. האט ער אים געשריבן א תשובה, אז ער קען האלטן צוויי טאג.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטען ז"ל, אז דער קדושת יום טוב האט באקומען א היתר מאה רבנים, אז ער קען נאכאמאל חתונה האבען, און דער קול אריה האט אויך געשריבען א תשובה להיתר (נדפס **בשו"ת קול אריה** אהע"ז סימן א'). ווען דער קדושת יום טוב האט שפעטער געטראפן דעם קול אריה, האט ער אים באדאנקט אויף דעם היתר, און ער האט אים געזאגט, אז עס איז זייער א שיינעם היתר. האט דער קול אריה געזאגט, א איסור, וואלט איך געקענט שרייבען א שענערס. דער טשימפער רב האט געשריבען א היתר, אבער א איסור וואלט ער געקענט שרייבען א שענערס.